**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/26/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול ווידערהאלט פארפליכטונג צו פאראויס שטופן אפארדעביליטי און צוטריט צו פינאנציעלע סערוויסעס אין קאמיוניטיס מיט ווייניגער מיטלען

***דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס פארשריפטן וועלן מוטיגן ווייטערדיגע אינוועסטירונגען אין קאמיוניטי אנטוויקלונג און מיסיע-געטריבענע אינסטיטוציעס***

***בויט ארויף אויף סטעיט'ס פארגאנגענע שריט צו אויסברייטערן צוטריט צו אינוועסטירונג געלטער פאר ניו יארקער מיט ווייניגער מיטלען אונטער גאווערנער'ס פירערשאפט***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט נייע פארשריפטן פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services, DFS) ערלויבנדיג סטעיט-לייסענסירטע בענק צו באקומען קרעדיט אונטער דעם 'קאמיוניטי צוריק-אינוועסטירונג געזעץ' (Community Reinvestment Act, CRA) פארן בארגן געלט פאר- אדער אינוועסטירן אין- 'קאמיוניטי אנטוויקלונג פינאנציעלע אינסטיטוציעס' (Community Development Financial Institution, CDFI) — אפילו אויב די אינסיטיטוציע'ס פעדעראלע סערטיפיקאציע פון 2024 איז אפגעלאפן. די שריט וועלן העלפן היטן אויף קריטישע אינוועסטירונגען אין CDFI's וועלכע קענען גענוצט ווערן צו אויסברייטערן צוטריט צו אפֿארדעבעל האוזינג, הלוואות פאר קליינע ביזנעסער און אנדערע קריטישע סערוויסעס אינערהאלב מינאריטעט קאמיוניטיס.

"עס קומט זיך פאר יעדן ניו יארקער – אפגעזעהן פון וואו זיי וואוינען – צו האבן צוטריט צו אפֿארדעבעל און פארלעסליכע פינאנציעלע סערוויסעס און די מיטלען וואס זיי דארפן צו בויען א לעכטיגערע צוקונפט", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אין די צייט וואס רעפובליקאנער אין וואשינגטאן ארבעטן צו אונטערגראבן קאמיוניטי אנטוויקלונג פינאנציעלע אינסטיטוציעס און וועקרייסן קריטישע אינוועסטירונגען אין ארבעטנדע פאמיליעס — טוט ניו יארק אויספלאסטערן איר אייגענע וועג אויף פאראויס. די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס'ס נייע פארשריפטן פארשטערקערן אונזער שטיצע פאר CDFI's, זיי גיבנדיג די כלים צו טרייבן קליינע ביזנעס וואוקס, עפענען טויערן צו הייס אייגנטומערשאפט און אויסברייטערן געלעגנהייטן אין געגנטער וועלכע זענען צו אפט פארקוקט געווארן. דורכן ארויפבויען אויף אונזער שטארקע רעקארד פון אינוועסטירונגען און גיבן זיכערהייט און אומזיכערע צייטן, טוהען מיר שטופן פאר אפארדעביליטי און בליהאונג פאר יעדן ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס סופעראינטענדענט, Adrienne A. Harris (עידריען א. העריס), האט געזאגט,** "CDFI's געפונען זיך אויף די פראנט ליניעס ביים העלפן ניו יארקער צוקומען צו אינוועסטירונג געלטער און קרעדיט, טרייבנדיג עקאנאמישע וואוקס, פארמערנדיג דזשאבס און בויענדיג רייכטום. די דעפארטמענט איז שטאלץ צו פארזעצן צו שטיצן CDFI's אלס טייל פון איר מיסיע צו בויען א מער גערעכטע פינאנציעלע סיסטעם פאר אלע ניו יארקער."

די היינטיגע שריט פאלגט נאך א לעצטיגע צוזאמקום פון CDFI'ס, מינאריטעט באנק אינסטיטוציעס (Minority Depository Institution, MDI) און הויכראנגיגע פארשטייער פון ניו יארק'ס גרעסטע בענק צו איבערערדן מאסנאמען צו פארשטערקערן די אינסטיטוציעס און פארזיכערן אנגייענדע צוטריט צו אינוועסטירונג געלטער פאר קאמיוניטיס מיט וויניגער מיטלען. די פארשריפטן מאכן דאס קלאר אז CDFI'ס וועמען'ס סערטיפיקאציע פון די פעדעראלע CDFI פאָנד (CDFI Fund) לויפט אפ – נישט צוליב זייערע פראגראמען אדער מיסיע – האבן א וועג צו באקומען ווייטערדיגע פינאנצירונג, העלפנדיג זיכער מאכן אז פעדעראלע אומזיכערהייט דעסטאביליזירט נישט קאמיוניטי-באזירטע אינסטיטוציעס. דורכן גיבן זיכערהייט פאר בענק און CDFI'ס, טוט ניו יארק זיכער מאכן אז מיסיע-געטריבענע הלוואה-ארויסגעבנדע אינסטיטוציעס קענען פארזעצן צו צוציהען און צושטעלן קריטישע סערוויסעס אין געגנטער וועלכע ווערן אפט פארקוקט דורך טראדיציאנאלע פינאנציעלע אינסטיטוציעס.

אין צוגאב צו די היינטיגע שריט דורך די DFS, האט עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט ( Empire State Development, ESD) אויפגעבויט א שטארקע רעפוטאציע מיטן שטיצן CDFI'ס אריבער ניו יארק, שענקענדיג נאענט צו 18 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר CDFI'ס אין לויף פון די פארגאנגענע פינף יאר. די ESD האט אויך איינגעשפאנט 500 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג וואס ווערט צוטיילט דורך די סטעיט קליינע ביזנעס קרעדיט איניציאטיוו (Small Business Credit Initiative) צו אוועקשטעלן צען נייע אינוועסטירונג געלט צוטריט און גערעכטיגקייט פראגראמען פאר קליינע ביזנעסער, אריינרעכענענדיג עטליכע וועלן גיבן ארויס אינוועסטירונג געלטער בשותפות מיט CDFI'ס. שוין יעצט, האט די ESD צוגעטיילט 35.5 מיליאן דאלאר פאר 16 CDFI'ס דורך די קליינע ביזנעס הלוואה קאסע 2.0 (Small Business Revolving Loan Fund 2.0) און נאך 18.2 מיליאן דאלאר פאר 7 CDFI שותפים דורך דעם קאנטראקטאר פינאנצירונג (Contractor Financing) פראגראם. צוזאמען, האבן די באמיאונגען געהאלפן טויזנטע ניו יארקער – באזונדערס מענטשן, קליינע ביזנעסער און מייקראָו-ביזנעסער וועלכע האבן בכלל נישט אדער נישט גענוג באנק סערוויסעס – צו עפענען באנק אקאונטס, באקומען טעכנישע הילף און צוקומען צו אפאָרדעבעל קרעדיט צו בויען רייכטום און סטאביליטעט אין זייערע קאמיוניטיס.

ניו יארק איז א היים צו מער פון 80 סערטיפייד CDFI'ס און 46 MDI'ס, וועלכע גיבן צוזאמען ארויס ביליאנען דאלארן אין מארטגעדזשעס, קליינע ביזנעס הלוואות און קאמיוניטי אנטוויקלונג פראיעקטן וועלכע טרייבן עקאנאמישע וואוקס און פינאנציעלע געלעגנהייטן פאר יעדן.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, Hope Knight (האָופּ נייט), האט געזאגט,** "קאמיוניטי אנטוויקלונג פינאנציעלע אינסטיטוציעס זענען קריטישע שותפים ביים זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער, אפגעזעהן פון זייער זיפּ קאוד, האט צוטריט צו אפאָרדעבעל קרעדיט און פינאנציעלע סערוויסעס. אונטער גאווערנער Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, האט עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט אינוועסטירט צענדליגע מיליאנען דאלארן צו פארשטערקערן CDFI'ס און זיי גיבן די כלים צו קענען צושטעלן אינוועסטירונג געלטער, טרעינירונג און געלעגנהייטן אין קאמיוניטיס וועלכע ווערן אפט פארקוקט דורך טראדיציאנאלע בענק. די היינטיגע שריט ווידערהאלט די פארפליכטונג און מאכט זיכער אז די מיסיע-געטריבענע הלוואה-ארויסגעבנדע אינסטיטוציעס קענען פארזעצן צו העלפן קליינע ביזנעסער וואקסן, פאמיליעס בויען רייכטום און געגנטער בליהען."

**סענאטאר Charles Schumer (טשארלס שומער) האט געזאגט,** "פון באפעלאו ביז אלבאני, ווערט די CDFI פאָנד גענוצט צו בויען נייע היימער, רעדוצירן האוזינג קאסטן, פארבעסערן העלטקעיר, עפענען נייע ביזנעסער און איבערבויען מעין סטריטס אריבער ניו יארק. די נייע פארשריפטן וועלן העלפן אויסברייטערן צוטריט צו פינאנציעלע סערוויסעס פאר אלע ניו יארקער, פון נייע פאמיליעס וועלכע פרובירן צו קויפן זייער ערשטע היים ביז פרישע ביזנעסלייט וועלכע עפענען און ברייטערן אויס קליינע ביזנעסער. מיט פראגראמען פון די סארט זייענדיג אונטער אטאקע דורך Trump'ס (טראמפ) בודזשעט שניטן, איז דאס וויכטיגער פון סיי ווען בעפאר צו באשיצן עקזיסטירנדע אינוועסטירונגען און האלטן

שטיצע פליסנדיג צו ניו יארק'ס מעין סטריט און די מיטעלע קלאס. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul'ס (האקול) שותפות ביים זיכער מאכן אז פינאנציעלע סערוויסעס זענען דא צו באקומען פאר אלע ניו יארקער."

**סטעיט סענאטאר James Sanders Jr. (דזשעימס סענדערס דזשוּניאר) האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר אירע שריט צו שטיצן קאמיוניטי אנטוויקלונג פינאנציעלע אינסטיטוציעס (Community Development Financial Institution, CDFI). מיר דארפן זיכער מאכן אז ניו יארקע CDFI'ס זענען געזונט און עפעקטיוו, אזוי ווי זיי שפילן א קריטישע ראלע ביים פארמערן צוטריט פאר קאמיוניטיס מיט ווייניגער מיטלען."

**אסעמבלי מיטגליד Al Stirpe (על סטירפּ) האט געזאגט,** "CDFI'ס זענען קריטישע טויערן פאר קאמיוניטיס מיט ווייניגער מיטלען צו וואקסן, מאכנדיג א בריק פון עקאנאמישע שטרויכלונגען צו געלעגנהייטן, א זאך וואס וואלט אנדערש נישט מעגליך געווען מיט טראדיציאנאלע בענק. פאר די 80 און כסדר-וואקסנדע צאל פון CDFI'ס אריבער ניו יארק סטעיט, רעזולטירט יעדע אינוועסטירונג אריין אין א CDFI אין אן אינוועסטירונג צו טרייבן קליינע ביזנעסער, שטופן פאר היים אייגנטומערשאפט און מוטיגן אלע קאמיוניטיס צו בליהען אין די ברייטערע עקאנאמיע."

**אסעמבלי מיטגליד Clyde Vanel (קלייד וואנעל) האט געזאגט,** "איך לויב אויס גאווערנער Hochul (האקול) און די דעפּארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס פאר זייער ארבעט צו זיכער מאכן אז אינוועסטירונגען זענען פאר צו אריינפליסן אין אונזערע קאמיוניטיס. קאמיוניטי אנטוויקלונג פינאנציעלע אינסטיטוציעס זענען קריטיש פאר קליינע ביזנעסער, מענטשן וואס קויפן צום ערשטן מאל א היים און פאמיליעס וועלכע האבן נישט גענוג צוטריט צו טראדיציאנאלע באנק סערוויסעס. די פארשריפטן וועלן גיבן פאר לאקאלע עקאנאמיעס די סטאביליטעט און זיכערהייט וואס זיי דארפן צו וואקסן, און זיי וועלן אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר אלע ניו יארקער."

**אסעמבלי מיטגלידערין Marianne Buttenschon (מעריען באָטענשאָן) האט געזאגט,** "די שריט דורך די DFS מאכן זיכער אז אונזערע מיסיע-געטריבענע הלוואה-ארויסגעבנדע אינסטיטוציעס קענען פארזעצן צו צושטעלן סערוויסעס פאר די פאמיליעס און קליינע ביזנעסער וועם טראדיציאנאלע בענק פארקוקן אפט. אין די מאוהאק וואלי, זענען CDFI'ס קריטישע שותפים פאר מענטשן וואס קויפן זייער ערשטע היים, קליינע קאנטראקטארס און לאקאלע ביזנעסלייט. אן די מאסנאם, וועלן אונזערע CDFI'ס פארלירן צוטריט צו קריטישע פינאנצירונג נישט צוליב זייער אייגענע שולד, נאר צוליב פעדעראלע אומזיכערהייט. איך בין דאנקבאר פאר די באמיאונגען פון די אגענטור און אזוי אויך די גאווערנער צו גיבן סטאביליטעט און יושר און צו זיכער מאכן אז די וויכטיגע אינסטיטוציעס גייען ווייטער אן."

די אנאנסירונג בויט ארויף אויף גאווערנער Hochul'ס (האקול) אנגייענדע פארפליכטונג צו אפארדעביליטי און גערעכטיגקייט, זיכער מאכנדיג אז ניו יארק זעצט פאר צו שטיין אין שפיץ וועג ביים שטיצן מיסיע-געטריבענע פינאנציעלע אינסטיטוציעס און די קאמיוניטיס אריבער ניו יארק וועלכע זענען אנגעוויזן אויף זיי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן